# דער דיאמאנט

דאָס גאנצע לעבן האָט זי אים געהיט
דעם פּרעכטיקן דיאמאנט פון אכט קאראטן.
פון ווו ער האָט געשטאמט — געוווּסט האָט קיינער ניט,
א טייל — געזאָגט, פון זיידן, אנדערע — פון טאטן.

און זי — פון גאָט געבּענטשט, שיין און רייך און קלוג,
א העלע שטוב מיט בּילדער פיל און בּלומען;
האָט זי אויך אָנעם דיאמאנט געהאט גענוג
און געהאלטן אים אויף „א שעה, זי זאָל ניט קומען"...

נאָר ווען דאָס פייער צעפרעסן האָט דעם פרידן
און א קאָנטריבּוציע—פּדיון האָט געמאָנט פאר יעדער זעל
און ס'האָבּן אין טויט-אנגסט די בּאדרענגטע יידן
גאָלד און געלט — געשליידערט אויף בּאפעל,

איז צווישן אנדערע געבּויגענע געשטאלטן
געווען אויך זי, זי און דער דיאמאנט.
אין שווערער צייט — ניט געוואָלט אים בּאהאלטן
און געטראָגן — אים שענקען, מיט אָפענער האנט.

שטייט זי און ווארט א טרויעריקע און שטילע
בּיים טיש, ווו די מתנה ווערט בּאטראכט.
עס שמייכלט לייכט דער מבין פון קהלה
און פּסקנ'ט: „פאלש, נאָר מייסטערהאפט געמאכט".

א בּושה האָט זיך אויף איר פּנים רויט צעגאָסן
און זי האָט נעבּעכדיק פארלוירן זיך, ניט ווייסנדיק פארוואָס
און מזל — דאָך געהאט, מען האָט זי ניט דערשאָסן,
זי איז מיט איר טויט געשטאָרבּן פון פארדראָס.

---